# פרשת וישלח

## בס״ד. משיחת אור ליום ג׳, יו״ד כסלו ה׳תשמ״א.

**הנחה פרטית בלתי מוגה**

״המעשׂה הוא העיקר״.

אַז ער הויבט-אָן און רעדט מיט זיך און מ׳רעדט מיט אים, אַז ער זאל מאכן פון אַ אידן וואס לעיני בשׂר זעט זיך אויס, אַז דאס איז אַ ״לילה״-איד, ס׳איז ניט מאיר דער ״נר הוי׳ נשמת אדם״, על-כל-פנים אין אַ חלק פון זיין לעבן,

דערנאך גיט ער זיך אַ כאפ: וואס טוט זיך מיט אים אַליין? כאפט ער זיך, אַז אַף-על- פי וואס ער האט געלערנט דעם אַלטן רבינ׳ס מאַמרים, און דערנאך געלערנט דעם מיטעלן רבינ׳ס מאַמרים, און דערנאך געלערנט די מאַמרי רבותינו נשיאינו שלאַחרי זה,

איז דערנאך, אַז ס׳ווערט דער ענין פון ״טאפארו דא פלאחו״, אַז ס׳זאל אַראפקומען פון מוח זאל דאס אַראפקומען אין מעשׂה בפועל, דורך ״ליבא״, וואס ״ליבא שׂייפי לכל גופי״, איז אָט דא כאפט ער זיך, אַז דארט האט דאס ניט געלויכטן.

ווערט ער דאך בא זיך אַראפגעפאלן – קומט גלייך צוגיין דער ״קלוגינקער״ און הויבט אים אָן איינשמועסן:

אַז מה-דאך, אַז ווען דו ביסט געוועזן אין ישיבה, און האסט ניט געהאט קיין דאַגות און בלבולים, און האסט געלערנט בהתמדה ושקידה, און דערנאך אַרויסגייענדיק אין אַויר העולם האט דאס ניט געפועל׳ט – איז וואס וועסטו לייגן איצטער כוחות אויף לערנען דעם זעלבן מאַמר, דעם זעלבן ביאור, אויך מיט אַ כוונה ס׳זאל אַראפקומען אין ״המעשׂה הוא העיקר״ – דאס קומט דאך ניט צו דיין אופן הלימוד ווי ס׳איז געוועזן ווען דו ביסט געוועזן ״תחת״ אמת׳ן ״גפנו״ און ״תחת״ אמת׳ן ״תאנתו״, ווען ער איז געוועזן אין כותלי הישיבה.

אַשר לכן, איז פארנעם זיך מיט ענינים פשוטים, גיב אַ סך צדקה, פארנעם זיך מיט מבצעים, לויף אַרום און קלעפ צעטלען און מאך אַ טומל, טאקע לשם שמים וכולהו– אָבער זאלסט אָפרייסן פון זיך אַליין, כמדובר כמה פעמים, און ווערן אַ ״ישיבה-בחור״, ניט קוקנדיק אויף דערויף וואס אין פאספארט שטייט, אַז ער איז אַלט בן שבעים שנה, בן שמונים שנה, און אַז ער איז אַ בעל-עסק, והא ראַי׳ אַז אין באנק רעכנט מען זיך מיט אים וכולהו וכולהו – איז ניט דאס איז זיין עבודה!

והא ראַי׳ – האט ער די ראַי׳ פון זיך אַליין, ״בדידי – בדידי׳ – הווה עובדא״, און ער זעט וואס



© 2001 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת וישלח

ס׳האט אויפגעטאן זיין הארעוועך מיט זיך אַליין בענינים אלו.

קומט צוגיין דער סיפור פון דער גאולה פון דעם מיטעלן רבי׳ן, און באווייזט אַ מעשׂה במוחש,

אַז ס׳איז געווען די הפצת המעינות חוצה אָנהויבנדיק פון י״ט כסלו תקנ״ט פון דעם אַלטן רבי׳ן, און האט אַזוי אָנגעהאלטן ביז תקע״ג, און דערנאך איז געווען ״רחובות הנהר״ אין הפצת המעיינות פון דעם מיטעלן רבי׳ן, און ס׳האט אָנגעהאלטן אַזוי צענדליקער יארן, ביז תקפ״ז,

און אַף על פי כן איז קען זיין דערנאך אַ מאסר!

למה עשׂה הוי׳ ככה, און פארוואס דערציילט מען דאס אונז?

אַז צו וואס דארף דאס ברענגען? אַז ערשט דערנאך דארף זיין די התעסקות מיט זיך אַליין, אין הפצת המעיינות חוצה, זאל אָנקומען צו זיין הבנה והשׂגה,

אַיי וואס ער האט ניט מצליח געווען בעבר – איז דאס אַ נייער טאג, מיט אַ נייער צירוף פון שׁם אדנ-י, וואס איז פארבונדן מיט אַ נייעם צירוף פון שׁם הוי׳, און אָט דאס פועל׳ט, אַז דאס קומט אַראפּ במעשׂה בפועל ניט נאר אויף אַ צווייטן אידן, נאר במעשׂה בפועל ביי אים גופא, און ניט נאר במעשׂה בפועל ווי אין עשׂי׳ה כפשוטו, נאר במעשׂה בפועל אין לימוד התורה,

ביז אין דער ״עשׂי׳ה״ שבתורה – לאַסוקי שׁמעתתא אַליבא דהלכתא.

ועל דרך זה אין פנימיות התורה – ווי אַזוי ס׳קומט אַרויס פון דעם לימוד החסידות בהנוגע צו דעם ״בכן״ אין אַהבת השׁם און יראַת השׁם.

וואס דאס איז דאך אויך דער פתגם הידוע וואס דער מיטעלער רבי האט געזאגט, [צי מ׳זאגט אַז ער האט געוואלט אַזוי – חסידים האבן דאס געזאגט], אַז בשׁעת ס׳טרעפן זיך צוויי יונגעלייט, צוויי חסידים, זאל מען רעדן אין אַן ענין פון יחודא עילאָה, אָדער ווי דער לשׁון איז אין אַנדערע נוסחאות, אָבער דאס איז לפי ערך דער תוכן –

איז דאס ניט אַן ענין, בלשׁון הכתוב ״לא בשׁמים היא ולא מעבר לים היא״, נאר דאס מיינט מען יעדערן פון די וואס ווייסן וועגן דעם מיטעלן רבי׳ן; אָט די וואס ווייסן וועגן זיין מאַסר און זיין גאולה,

און בשׁעת ס׳קומט דער עשׂירי בכסלו – שׁטייט דאס דער נתינת כח בזה, ובמילא אויך די תביעה אַז מ׳זאל טאן אַזוי – ביתר שׂאת וביתר עוז.



© 2001 Jewish Educational Media, Inc.